UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
A Por Verter Vegn Mayn Tatn / A Few Words About My Father

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/4x53m337

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Beryl Golomb, Berl Golomb /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## בערל גאָלאָמב

# אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין טאַטן

ניט אָפּט האָט אַ מענטש די מעגלעכקייט אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אייגענעם טאַטן. זעלטענער נאָך ווען עס האַנדלט זיך ניט בלויז אין אַ מעגלעכקייט נאָר אין אַן איינלאַדונג, אַן עפנטלעכע איינלאַדונג, כמעט אַ פאַרפליכטונג, זאָגן עפּעס אין דער עפנטלעכקייט וועגן זיך און דעם טאַטן, וועגן פּריוואַטע, נאָענטע, אינטימע מאָמענטן — דאָס איז אי אַ זכות אי אַן עול. און אָט דאָ, דאַכט זיך מיר, כמעט ווי אַן עפּיגראַם, ליגט אַ קערן אמת וועגן לעבן מיט אַ באַרימטן טאַטן. אי אַ זכות—אַן אומגעהויערער זכות, אי אַן עול.

דאָס עפּעלע, גייט אַן אַלט ווערטל, פאַלט ניט ווייט פון ביימעלע. ווי מערסטע אַלטע ווערטלעך איז דער־אָ פאַרגלייך אויך ווייט ניט אמת. יעדער מענטש איז אַ יחיד פאַר זיך, אַן אינדיווידו, אייגנאַרטיק. עס איז ניט ריכטיק און אויך ניט ווינטשנסווערט אַ מענטש זאָל זוכן צו מאַכן פון זיינע קינדער אַן אָפּשפּיגלונג פון זיך אַליין. די קינדער דאַרפן ווערן מענטשן פאַר זיך און זוכן זייער אייגענעם וועג. ווען קינדער וואַקסן אויס ווערן זיי צוביסלעך אָפּגעזונדערט פון די עלטערן. ווען ניט, האָבן זיי דאַכט זיך, ניט קיין אייגענע אידענטיטעט. אויסוואַקסן איז ווי גטן זיך, צו ביסלעך, פון די עלטערן. עס מוז ניט זיין דווקא אַ ביטערער גט, אָבער עס איז אַן אָפּזונדערונג, אַן אינדיווידואַליזאַציע.

ווייטער גערעדט זיינען עלטערן ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע קינדער. עלטערן גיבן זייערע קינדער פאַרשיידענע מעגלעכקייטן, פאַרשיידענע מוסטערן פון אויפפירונג, פון ווערטן. אָבער עלטערן זיינען ניט די איינציקע השפעה וואָס די קינדער באַקומען, און די קינדער זיינען דאָך פאָרט באַזונדערע מענטשן. ווייניקער, ווידער, זיינען די קינדער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די עלטערן. ניט זיי זיינען שולדיק אויב די עלטערן זיינען שלעכטע מענטשן, ניט זיי קומט כבוד ווען די עלטערן זיינען פיינע מענטשן. די קינדער האָבן דאָך די עלטערן ניט פאָרמירט. דעריבער קומט מיר אָפּט אויס אַ ביסל אומבאַקוועם ווען מענטשן האַנדלען אַזוי ווי מיר וואָלט געקומט אַ חלק כבוד פאַרן

---

מאָלדן דעם דירעקטאָר אַז מיר גייען אויף יידיש. האָבן מיר באַלד געקראָגן אַן ענטפער, אַז דאָס געזעץ האָט ניט קיין שייכות צו יידיש, ווייל די מיטערשפּראַך פון יידן איז... רוסיש. האָט מען געמוזט אָפּנאַרן. די פּוילישע רעגירונג איז געווען אַ סך שווערער אָפּצונאַרן: זיי זיינען דאָך געווען אַליין אָפּנאַרערס. האָבן זיי געוווסט די וועגן. קיין גרינג לעבן איז דאָס ניט געווען.

גלות פּוילן איז געווען שווערער ווי גלות רוסלאַנד. און אַזוי ביז די פּוילישע רעגירונג האָט געשלאָסן אין גאַנצן דעם לערער־סעמינאַר. געבליבן דרייסיק סעמינאַריסטן, וואָס האָבן פינף יאָר געלעבט שרעקלעך שווער און זיך געגרייט צו ווערן לערערס. געשלאָסן! עס האָט ניט געהאָלפן קיין פּעטיציעס. זיי האָבן געפּסקנט מען דאַרף ניט קיין סעמינאַר. ד״ר ביבער האָט געעפנט אַ קראַנקן־שוועסטער שול. איך האָב אַ יאָר צייט צוגעהונגערט. משפחה האָט געקראָגן פאַר מיר אַרבעט אין ארץ ישראל, אין מקוה ישראל. דער ברודער פון אַמעריקע האָט געקראָגן אַ פּאָר הונדערט אויף הוצאות. מיר פאָרן קיין ארץ ישראל.

דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות: אַ יידישיסט! נאָר קיין גזלנים זיינען יידן ניט. עס האָט זיך איינגעשטילט. אָבער ווי פאָרט מען? ענגלאַנד האָט דאָך געשלאָסן די גרענעצן. יידן קענען אַריינפאָרן נאָר גבירים מיט אַ קאַפּיטאַל פון מינימום פינף טויזנט פונט. האָט דער טאַטע געקראָגן לייען ביי אַ ווילנער גביר און דאָס פאַרשריבן אויף מיין נאָמען. בין איך שוין אַ גביר אויך, און איך פאָר אַריין קיין ארץ ישראל. אויף מאָרגן נאָך מיין קומען, צוריק אַ קבצן גדול.

טאַטנס דערגרייכונגען. ניט שולדיק! ניט פאַרדינט! מעגלעך אויך אַז איך, אַלס אַ קינד מיט באַדערפענישן, אַלס אַ דערוואַקסענער מיט אייגענע פּראָבלעמען, האָב ביים טאַטן צוגענומען צייט, אויפמערקזאַמקייט, אים אפשר אָפּגעהאַלטן פון ווייטערע דערגרייכונגען.

טאָ וואָס קאָן אַ זון ביישטייערן ווען דער טאַטע, צו לאַנגע יאָרן אים, האָט אַזוי פיל פאַרדינט און אַזוי פיל דערגרייכט, און האָט דערלעבט צו פייערן, דאַנקען גאָט, אַן אַקטיוון און שעפערישן ניינציקסטן געבוירנטאָג? קען איך עפּעס צוגעבן פון דער נאָענט? האָב איך אַ פּערספּעקטיוו וואָס קען העלפן שאַפן אַ באַלאַנס איבערן טאַטנס קרוב צו אַ יאָרהונדערט אַקטיוון לעבן?

עס איז דאָ אַן אויסדרוק, אַז פון זיין צו נאָענט צו די ביימער קען מען ניט זען דעם גאַנצן וואַלד. אַ קינד, דאַכט זיך מיר אָפט, איז צו נאָענט צו די עלטערן צו האָבן פּערספּעקטיוו. זעלטן אויך ווען אַ קינד נעמט אַן אָנטייל אין די עלטערנס אַרבעט, און קען די עפנטלעכע זייט פון זיינע עלטערן אַזוי ווי עס קענען דאָס קענען די עלטערנס מיטאַרבעטער, מיטצייטלער, קאָלעגן.

וואָס איך קען ייאָ ביישטייערן איז אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ווי איך האָב די עלטערן געזען פון מיין קוקווינקל.

מיר זיינען כסדר געווען אַ קליינע משפּחה — צוויי עלטערן און איך. געווען אַ גרעסערע אַרום: פעטערס, מומעס, קוזינעס, אָבער מיר זיינען צו זיי ניט געווען נאָענט. ווי אַ טיפּיש יידישע משפּחה אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז די גרעסערע משפּחה געווען צעזייט און צעשפּרייט: אין תל־אביב, חיפה, ירושלים, פּתח תקוה און גדרה, בעת מיר האָבן געוווינט אין בן־שמן. פעטערס און מומעס אויך אין ני־יאָרק און באַלטימאָר, וועמען מיר האָבן פון צייט צו צייט געזען ווען מיר האָבן געוווינט אין וויניפּעג און שפּעטער אין מעקסיקע. און פאַר אַ קורצער צייט אויך, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, די אַלטע היים פון די משפּחות, אי דעם טאַטנס, אי דער מאַמעס, אין ליטע, אין מיישעגאָלע און אין ווילייקע.

זיי האָב איך זוכה געווען צו זען נאָר איין מאָל, איין זומער, ווען די מאַמע האָט מיך מיטגענומען אויף אַ רייזע צוריק קיין פּוילן און ליטע. האָב איך זיך אייגנטלעך געפילט קליין, אָפּגעזונדערט, איזאָלירט אין דער וועלט.

מיר זיינען אַרומגעפאָרן, אַרומגעוואַנדערט, פון ארץ־ישראל קיין קאַנאַדע, קיין מעקסיקע. פאַר מיר איז דאָס געווען יעדע ווילע אַ נייער אָנהייב, אַ נייע וועלט; אָפּגעריסן פון די אַלטע וואָרצלען, און פּרובירן פאַרלאָזן נייע. אומעטום געווען אַנדערש ווי די אַרומיקע. אומעטום געווען אַ ביסל אין אַ פּערזענלעכן גלות, אין ערגעץ זיך ניט פולשטענדיק איינגעבירגערט. אפילו אין ישראל איז געווען אַ ביסל אַן אַנדערשקייט. פּרינציפּיעל האָט דער טאַטע מיט מיר אין שטוב גערעדט נאָר יידיש. זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ ביסל דיסקרימינאַציע, אויסגעשטאַנען אַ ביסל אָפּלאַכונג, צוליב דער אַנדערשקייט. די איינציקע קאָנטינואיטעט פאַר מיר איז געווען די קליינע משפּחה, די קליינע וועלט פאַר זיך: דער טאַטע, די מאַמע, און איך. און, נאַטירלעך, דער אַנקער, דער פונדאַמענט, דער גרונטשטיין פון דער משפּחה איז די מאַמע, תחיה. דער טאַטע איז פאַרנומען מיט דער אַרבעט זיינער, מיט זיין וועלט, מיטן יידישן פאָלק. די מאַמע איז אי פאַרנומען מיט איר פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, אי זי פירט אָן אַ שטוב און אַ היים. און איך, הייסט עס, מוז טיילן די עלטערן מיטן יידישן פאָלק.

ביטע, פאַרשטייט מיר ניט שלעכט. איך באַקלאָג זיך ניט. געווען אַ רייכע היים. ווו נאָך וואָלט איך געקענט האָבן אַזוי פיל דערפאַרונגען, זען אַזוי פיל פון דער וועלט, געקענט זיך באַגעגענען מיט אַזוי פיל שעפערישע, קרעאַטיווע און אינטערעסאַנטע מענטשן. אָבער דער טאַטע איז כסדר געווען פאַרטאָן אין זיין אַרבעט, פאַרנומען מיט זיינע אידעען און פּראָבלעמען, , פאַרטאָן אין דעם קולטורעלן המשך פון יידישן פאָלק. קען איך טאַקע דעם טאַטן פערזענלעך, אָבער ניט פּראָפעסיאָנעל. עס קען זיך באַקומען קאָמיש, וואָס מיט אַ טאַטן אַזוי פאַרנומען ביי דער אַרבעט, קען איך אים ניט פּראָפעסיאָנעל.

אָבער דער טאַטע איז אַלע מאָל געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט, פאַרנומען מיט דער צוקונפט. ווייניק צייט האָט ער געהאַט פאַר דער פערזענלעכער פאַרגאַנגענהייט. אפילו איצטער, אַ בן תשעים, קיין עין הרעה, פילט ער ניט די צייט צו שרייבן זכרונות. ווייס איך זייער ווייניק וועגן טאַטן, וועגן זיינע יאָרן אין גאָלטע, אין קיעוו, אין פעטערבורג און ווילנע, וועגן יידישן לערער־סעמינאַר און יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט... דער טאַטע איז ניט קיין גרויסהאַלטער ער בלאָזט קיין מאָל ניט פון זיך. פאַרקערט, ער רעדט כמעט קיין מאָל ניט וועגן זיך; מעשיות, אַנעקדאָטן וועגן אַוואַנטורעס אָדער דערגרייכונגען דערציילט ער כמעט קיין מאָל ניט. אַלע מאָל קאָנצענטרירט אויף אַקטועלע פּראָבלעמען, אויף דער צוקונפט. מען קוקט פאָרויס, ניט צוריק. טאַקע אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג וועגן אַ מענטשן דעדיקירט אַ לעבן צו שטודירן דעם המשך, די קאָנטינואיטעט צווישן איצט מיטן נעכטן ביי אַ כלל, אָבער פאַרנאַכלעסיקט דאָס קאָמפּלעט אין פּרט...

אַ וואַרעמער, ליבנדער מענטש, אָבער אַ מענטש קאָנצענטרירט, דעדיקירט, געווידמעט... ענינים וואָס אינטערעסירן ניט, זייטיקע ענינים, מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט — וויל וועגן דעם ניט הערן... די דעדיקאַציע צום קיום פון יידישן פאָלק האָט געקאָסט אים קליינע, פערזענלעכע פאַרגעניגנס. אמת טאַקע אַז אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַר אַ יידן, איז נאָכגעבן קליינע, פערזענלעכע פאַרגעניגנס גאָר ניט אַזאַ הויכער פּרייז. פון דעסטוועגן אָבער, דאַכט זיך מיר אָפט, באַשטייט דאָך די גאַנצקייט פון סכום פון אירע טיילן, און אָט די קליינע, פערזענלעכע פאַרגעניגנס גיבן צו טעם, קאָליר, כאַראַקטער צום לעבן. לייענען בעלעטריסטיק אָדער הומאָר אנשטאָט כסדר ערנסטע ליטעראַטור, ווי להבדיל, חכמי כעלעם אָנשטאַט די חז"ל, גיין אַמאָל אין קינאָ, אין טעאַטער, אָפּערע, אַ קאָנצערט; שפּילן אין דאַמקעס אָדער שאַך, אָדער אפילו אין קאָרטן; הנאה האָבן פון אַ גוטן מאָלצייט; פאַרברענגען סתם מיט פריינד, ריידנדיק וועגן נאַרישקייטן... דאָס אויפגעבן אַ סך פון אָט די קלייניקייטן איז, דאַכט זיך מיר, יאָ אַ שווערער פּרייז.

איך געדענק אין ישראל, ווען איך בין געווען זייער אַ קליינער און דער טאַטע האָט געלערנט נאַטור־וויסנשאַפט אין בן־שמן, ווי ער פלעגט אַרויס אויף עקסקורסיעס אין די בערג פון יהודה, אָדער אין מדבר, בין איך געווען צו קליין ער זאָל מיך מיטנעמען. שפּעטער, אין מעקסיקע, ווען איך פלעג גיין אויף עקסקורסיעס אָדער קלעטערן בערג, איז שוין דער טאַטע מער ניט געווען פאַראינטערעסירט אין אַזוינע נאַרישקייטן.

האָב איך, הייסט עס, געדאַרפט טיילן דעם טאַטן מיטן יידישן פאָלק. פון צייט צו צייט, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט גענומען מער ווי זיין חלק, ניט נאָר פון מיר, נאָר אויך פון טאַטן. די טעמע אויף וועלכער דער טאַטע האָט זיך קאָנצענטרירט איז ניט בלויז אַ יידישע טעמע. זי איז איצטער אַן אוניווערסאַלע טעמע. אומעטום זיינען דאָ עטנישע גרופּעס, מינדערהייטן, וואָס זוכן איצטער אָנצוהאַלטן זייער קולטור, זייער אַנדערשקייט, זייער אידענטיטעט. גריכן, טערקן, אַרמענער, ליטווינער, באַסקן, שאָטלענדער, קאַטאַלאָנען. אין אַמעריקע וואַכן איצטער אויף די שוואַרצע, די מעקסיקאַנער, די אינדיאַנער. אַ סך פון די גרופּעס זיינען טאַקע זייער ענלעך צום יידישן פאָלק. די אַרמענער, צום ביישפּיל, לעבן מערסטנס אין גלות, צעזייט און צעשפּרייט און זיי זיינען געווען די קרבנות פון ערשטן פעלקער־חורבן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פון די טערקישע שחיטות פון 1913-1915.

די וועגן פון יידישן קיום, המשך פון דער יידישער גאָלדענער קייט, זיינען אַקטועל פאַר אַלע די אַ מינדערהייט־קולטורן, ניט נאָר פאַר יידן. וואָלט דער טאַטע געשריבן אויף ענגליש, למשל, פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן עולם און מיט פאַרשיידענע מוסטערן, אָנשטאָט נאָר וועגן יידן, פאַר יידן, אויף יידיש, וואָלט ער ווייט מער באַקאַנט געווען, ווייט מער באַרימט, פיל רייכער געוויס, און, דאַכט זיך

מיר, אפילו יידן וואָלטן זיך צו אים דאַן צוגעהערט מיט אַ ביסל מער דרך־ארץ. אָבער דער טאַטע איז קיין ע"ה אַן עקשן, און די וועלט אינטערעסירט אים ניט, נאָר יידן, נאָר יידישקייט, נאָר דאָס יידישע פאָלק.

איך געדענק קלאָר ווי היינט וואָלט עס געשען, אַ געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט במשך פון אַ לאַנגער נאַכט אין סאַנטאַ פּע, ניו־מעקסיקאָ, אין 1964, מיט אַן אינדיאַנער פריינד. אינדיאַנער? ער איז אייגנטלעך געווען קוים אַ האַלבער אינדיאַנער פון דער מוטערס זייט. לאָיד איז געווען אַ דערפאָלגרייכער קינסטלער, אַ דעזיינער פון צירונג און טעקסטילן, אַ גראַדואַנט פון שיקאַגער קונסט אינסטיטוט. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער יידישער מיידל, געהאַט צוויי פּראַקטיקע קינדער. זיי האָבן געהאַט אַ געשעפט פון אינדיאַנער צירונג און קונסט אין סקאָטסדייל, לעבן פיניקס, אַריזאָנאַ. דאָס געשעפט האָט זיי פאַרדינט אַ סך געלט. עטלעכע אינדיאַנער קינסטלער אין צירונג און מאלעריי האָבן געאַרבעט פאַר זיי. לאָיד האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן ביכער וועגן אינדיאַנער קונסט, און האָט זיך פאַרדינט אַ נאָמען ווי אַן עקספּערט. דעריבער איז צו אים געקומען די אַמעריקאַנער רעגירונג אין 1962 און ביי אים געבעטן הילף. אין סאַנטאַ פּע איז געווען אַ גרויסע, נייע אינטערנאַט שול פון קונסט און האַנטאַרבעט פאַר אינדיאַנער קינדער. אָבער די שול איז ניט געווען דערפאָלגרייך. די יונגע אינדיאַנער זיינען ניט געווען שעפעריש, די מאלערייען זיינען געווען סטיליזירטע, ווי קאָפּירטע, אָן אייגנאַרטיקייט, ניט עקספּרעסיוו.

לאָיד האָט זיך פאַראינטערעסירט. די שול איז געווען אַ מאָדערנע, ווייל אויסגעשטאַט מיט די לעצטע, מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן, און די רעזולטאַטן זיינען פאָרט געווען אַזוי אַנדערש ווי מען וואָלט געקענט דערוואַרטן, למשל, אין שיקאַגער קונסט אינסטיטוט. לאָיד פלעגט פליען פון פעניקס קיין סאַנטאַ פּע, פאַרברענגען דאָרטן אַ האַלבע וואָך, און דאַן צוריקפאָרן אַהיים צו זיין משפחה און זיין געשעפט. די אינדיאַנער שול האָט ביי אים אָנגעהויבן צונעמען אַלץ מער און מער צייט. ווען איך האָב מיט אים גערעדט אין 1964, פלעגט ער פאַרברענגען שוין אַ גאַנצע וואָך אין סאַנטאַ פּע און פאָרן אַהיים נאָר פאַר דעם סוף וואָך, און פון צייט צו צייט פלעגט ער דאָס אויך ניט באַוויזן.

דערווייל האָט לאָיד פאָרמירט אַ טעאָריע פאַרוואָס די שעפערישקייט אין שול איז געווען אַזאַ באַגרענעצטע. די קינדער האָבן זיך געפילט פאַרלאָרן, ניט זיכער מיט זיך. זיי האָבן זיך געפילט ווי צווייט־קלאַסיקע בירגער, נידעריקע מענטשן. זיי האָבן זיך געשעמט מיט זיין אינדיאַנער און האָבן זיך געפילט שולדיק מיט דעם וואָס זיי האָבן זיך געשעמט; זיי האָבן ליב געהאַט זייערע עלטערן, אָבער זייערע עלטערן זיינען געווען אַלטמאָדיש, אַלטפרענקיש, פרימיטיוו...

האָט לאָיד באַשלאָסן אַז די קינדער דאַרפן קריגן אַ ביסל שטאָלץ אין זיך, אין זיין אינדיאַנער. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען זיין אייגענע אינדיאַנישקייט (אייגנטלעך, זיין האַלב־אינדיאַנישקייט); ער האָט אַליין גענומען זיך אידענטיפיצירן מער און מער מיט זיין אינדיאַנער טראַדיציע. אין שול האָט ער איינגעפירט פייערונגען פון אינדיאַנער יום־טובים, אינדיאַנער טענץ און טראַדיציעס, אינדיאַנער קאָסטיומען. אנשטאָט באַהאַלטן די אינדיאַנישקייט האָט די שול איצטער דאָס אַרויסגעטראָגן עפנטלעך. און, ווי מיט כישוף, זיינען די קונסט־אַרבעטן פון די תלמידים געוואָרן ווייניקער סטיליזירט אינדיאַניש, געוואָרן שטאַרקער, אינדיווידועלער, עקספּרעסיווער. דאָס צוגעבן די קינדער שטאָלץ אין זיך האָט זיי באַפרייט צו ווערן אייגענע מענטשן, טאַלאַנטירטע און שעפערישע. ווען לאָיד האָט דאָס מיר דערציילט האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. איך האָב אים אַרויסגעהאָלפן מיט ווערטער, מיט געדאַנקען, מיט פאָרמולאַציעס.

פון צייט צו צייט האָב איך אויסגעדריקט אַ געדאַנק וואָס לאָיד האָט אים אַליין נאָך ניט פאָרמולירט. לאָיד איז געוואָרן דערשטוינט: „ווי אַזוי ווייסטו דאָס?” האָט ער מיך געפרעגט. „עס האָט מיר געדויערט

עטלעכע יאָרן דאָס אייבזעען, און דו ביסט דאָך אפילו ניט קיין אינדיאַנער!" „פאַר מיר", האָב איך אים געזאָגט, „איז דאָס לאַנג ניט קיין נייעס. איך האָב דאָס שוין לאַנג געלייענט אין מיין טאַטנס שריפטן..."

לאַיד אַליין איז ווייטער אַוועק זיין וועג צוריק צו זיין אינדיאַנער ז י ך. איך האָב אים ווייטער געזען אין 1968, אין פּערו. לאַיד האָט זיך שוין דאַן געהאַט געגט פון דער ווייסער פרוי און חתונה געהאַט מיט אַן אינדיאַנער לערערין פון זיין שול. ער האָט זיך אידענטיפיצירט פולשטענדיק ווי אַן אינדיאַנער. דאָס איז שוין אפשר אַ ביסל צו פיל... אָבער פאָרט, ווען לאָיד וואָלט געלייענט יידיש וואָלט ער זיך געקענט האָבן פאַרשפאָרט אַ פאָר יאָר אַרבעט, טראַכטן, זוכן, אָדער, להיפך, ווען דער טאַטע וואָלט געשריבן אויף ענגליש וואָלטן אַ סך אַזוינע לאָידס און אַנדערע געהאַט אַ וועגווייזער, אַ מורה דרך...

אָבער דער טאַטע, צוליב די אייגענע פּרינציפּן, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף איין פאָלק, איין שפּראַך, און איין טעמע.

איז דער טאַטע גערעכט אין אַלע זיינע טעאָריעס? בין איך מיט אים אין אַלץ איינשטימיק? דאָס איז אַ באַזונדער ענין, און אַ פּריוואַטער ענין. אַז שוסטערס קינדער גייען באָרוועס, לויטן אַלטן ווערטל; און אַז דער טאַטע האָט געהאַט שטודירט באָטאַניק, האָב איך געמוזט שטודירן זאָאָלאָגיע, נ י ט באָטאַניק. ווען איך האָב דאָ און דאָרט אַ חלוקת הדעה מיטן טאָטן איז דאָס אַ פאַמיליע ענין, ניט קיין עפנטלעכער פילאָסאָפישער וויכוח. דער טאַטע, גאָט צו דאַנקען, גייט אָן ווייטער זיין וועג, זיין טעמע, זיין נוסח, זיין סטיל, און זיין זאַך. זאָל אים גאָט געבן לאַנגע יאָר און צייט צו דערגרייכן אַלע זיינע צילן. אָבער דאָס וואָס ער לערנט אונדז האָט עיקרים וואָס זיינען אַקטועל און וויכטיק פאַר אַ ברייטערן עולם ווי דער פאַר וועמען ער דעדיקירט זיך.

## וועגן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענזירט ווערן אין „חשבון", דאַרפן אַריינשיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון".

„דער וואָס זעט און פילט געטלעכקייט אין זיך דאַרף ניט זוכן קיין גאָט איבער זיך. דאָס איינציקע אָרט צו זוכן גאָט — דאָס אייגענע האַרץ. אויב דאָרטן איז ניטאָ, איז עס אומזיסט צו זוכן. גאָט — דאָס איז דער גייסט פון דער וועלט."
(גאָלאָמב)

„פון משה רבינו אָן באַקעמפט יידישקייט יעדן געדאַנק פון מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט. פעלקערריידן און גלייבן אין: גאָטס בלוט, גאָטס זון, און נאָך ענלעכע גראָב מאַטעריעלע באַגריפן. ביי יידן איז עס געצנדינעריי!"
(גאָלאָמב)